# לוח הציבור

טעגליכע בלעטל מאנסי אומגעגנט - סקווירא

מאנסי

T: 845.425.4300 E: ads@monseyluach.com
Subscribe: subscribe@monseyluach.com

**ערש"ק פרשת שלח - כ"ז סיון תשפ"ו** | **Friday, June 12, 2026**

## זמנים

| | היינט | מארגן |
|---|---|---|
| עלות השחר: | 4:11 | 4:11 |
| נץ החמה: | 5:23 | 5:23 |
| סו"ז קר"ש מג"א: | 8:33 | 8:33 |
| סו"ז קר"ש גר"א: | 9:09 | 9:09 |
| סו"ז תפלה מג"א: | 10:01 | 10:01 |
| סו"ז תפלה גר"א: | 10:25 | 10:25 |
| חצות: | 12:56 | 12:56 |
| מנחה גדולה: | 1:40 | 1:40 |
| מנחה קטנה: | 6:03 | 6:03 |
| שקיעה: | 8:29 | 8:30 |
| צאה"כ ר"ת: | 9:42 | 9:42 |

## שיעורים

**תהלים:** קכ-קלד/קלא-קלה
**משנה:** כלים י, ג - ד
**דף היומי:** חולין מג
**מ"ב עמוד יומי:** ח"ו נא.
**עמוד יומי:** יומא כד.
**מ"ב - דרשו:** חזרה
**דף הירושלמי:** בבא קמא מא
**מצוה יומית:** תקסא. עמון ומואב בקהל
**הלכה יומית:** או"ח רו, ב - ד
**תניא:** כי המעלה - ספ"ח

## וועטער

**היינט:** 93°-65° שטורעמעס נאכמיטאג
**מארגן:** 87°-65° זוניג

## זמני שבת

**שב"ק פרשת שלח**, כ"ח סיון תשפ"ו

**הדלקה"נ:** 8:14 **וויזניץ:** 7:59 **סקווירא:** 8:04
**מוצ"ש:** 9:42 **וויזניץ:** 9:25 **סקווירא:** 9:44

**מברכים חודש תמוז, ראש חודש ביום ראשון וביום השני**
**מולד: מאנטאג אינדערפרי 7:46 מיט 16 חלקים**

BERRY'S Car Service בעריס

מאנסי'ס אידישע טעקסי. 845.848.5555

RESERVE CAR IN ADVANCE • BOOK STEADY TRIPS • LOCAL & LONG DISTANCE • HEIMISHE LADY DRIVERS • ארנטליכע אידישע דרייווערס



# שמחות

טעגליכע **שמחה** דערמאַנונגען

צו מעלדן אייער שמחה ביטע רופט:
**845.425.4300**

**מזל טוב! א שמחה אין מאנסי?**

דערמאַנט אייערע באַקאַנטע דורך עס מעלדן דאָ אינעם טעגליכן "לוח הציבור".

## שידוכים

החתן צבי הירש נ"י
בן כ"ק **אדמו"ר מטעמשוואר** שליט"א - קרית יואל
בן כ"ק אדמו"ר מטעמשוואר זצ"ל
חתן כ"ק אדמו"ר מספינקא ק"י זצ"ל

עב"ג

הכלה שתחי'
בת הגה"צ **אביגדור דניאל פיש** הי"ו - קרית יואל
בן הגה"צ מסאלקא שליט"א
חתן כ"ק אדמו"ר מתפארת יחזקאל שליט"א

שדכן: **ר' שמואל טערקעלטויב - מאנסי**

החתן הלל נ"י
בן הרב **יחזקאל שרגא טירנויער** שליט"א - מאנסי
בן הגה"צ דומ"ץ סאטמאר מאנטריאל זצ"ל
חתן גאב"ד טאפלטשאן זצ"ל

עב"ג

הכלה שתחי'
בת הרב **אברהם יוסף יאקאבאוויטש** שליט"א - ק"י
בן הרב מרדכי ישעי' שליט"א
חתן הרה"ג זעליג שפילמאן זצ"ל

שדכן: **ר' יואל פריעדמאן**
**ר' ברוך מרדכי לייטנער**
**קרית יואל**

## שלום זכר

מוה"ר **יעקב מרדכי בלוי** הי"ו
בן מוה"ר שמעון הי"ו | חתן מוה"ר חנני' יו"ט גאלדמאן הי"ו

**בבית מו"ח** 7 Ralph Blvd.

## קידוש

מוה"ר **נקי חמדי** הי"ו
בן מוה"ר יחיא הי"ו | חתן מוה"ר אהרן חדד הי"ו

**בביהמ"ד קהל עדת תימן** שחרית 8:00 16 Albert Dr.

## הולדת הבן

מוה"ר **ישראל זילבער** הי"ו
בן מוה"ר משה יעקב הי"ו | חתן מוה"ר שמואל מנחם ציג הי"ו

## הולדת הבת

מוה"ר **אפרים גרינבוים** הי"ו
בן מוה"ר חיים מאיר הי"ו | חתן מוה"ר אהרן צבי לעבאוויטש הי"ו

מוה"ר **אברהם ניימאן** הי"ו
בן מוה"ר חיים מאיר (בדא"ד) הי"ו | חתן מוה"ר אליעזר טאבאק הי"ו


"The Heating Cooling Doctor"
The Best in The Business for Repair of Every Type Of Air Condition - Central Ac - Mini Splits Etc.
Thermostats - Water Heater - Tankless Systems
Call 24 hours: 646-820-0196
The Heating Cooling Doctor

"The Commercial Refrigeration Doctor"
The Best in The Business for Repair of Every Type of Commercial-Refrigerator-Freezer-Walk In-Reach In-Merchandise Display - Ice Machines
Call 24 hours: 929-486-1587
The Commercial Refrigeration Doctor


## Emergency Numbers

| | |
|---|---|
| Emergency | 911 |
| Fire | 845.425.9300 |
| Hatzalah - הצלה | 845.425.1600 |
| מצילי אש | 845.426.9111 |
| Dror - דרור | 855.376.7911 |
| ביה"ח/ גחש"א הר שלום | 845.400.2227 |
| ערשטע הילף דשיכון סקווירא | 845.354.0222 |
| Chaveirim - חברים | 845.371.6333 |


לוח הציבור בארא פארק:
718.303.4300
mail@LuachHatzibur.com
לוח הציבור לעיקוואוד:
732.696.4300
ads@lakewooddaily.com

▪ **Once a year!** Summer Sale ▪

# Otzar HaChochma

The World's Largest Digital Library of Seforim and Judaic Books

**30% OFF**

You can own your Otzar HaChochma!
**20** monthly payments of $80

ח' סיון - ג' תמוז ▪ **May 24th – June 18th**

+ Get 15% off
**Meforshei HaOtzar**

For a video tour of the features this extension will give you – Send us an email with: "Introducing Meforshei HaOtzar" in the subject line.

**A Special 'Upgrade Sale' for Existing Customers will be available in the coming months!**

Otzar HaChochma
The world's largest digital library of Judaic books

Meforshei HaOtzar
By Otzar HaChochma

**156,000** SEFORIM

US: **845-316-0112** ◆ **845-222-3364**

**sales@otzar.biz** ◆ Purchase through our website: **www.otzar.org**



# יארצייטן
## פון צדיקים און גאונים

### כ"ז סיון

ג' תת"ל — הג"ר **חנינא** ב"ר **תרדיון** זצ"ל
מעשרה הרוגי מלכות

תנ"ט — הג"ר **שניאור** ב"ר **חנוך** זצ"ל
אב"ד רישא

תק"ד — הג"ר **מאיר** ב"ר **יצחק** זצ"ל
אב"ד אייזנשטאט - פנים מאירות

תקכ"ז — הג"ר **משה** ב"ר **יעקב הלוי בראנדייס** זצ"ל
אב"ד מאגענצא

תרט"ז — הג"ר **יחיאל מיכל** ב"ר **צבי מנחם מענדל אויערבאך** זצ"ל
אב"ד קורימא

תרמ"ג — הג"ר **מרדכי** ב"ר **יצחק אייזיק מעלצער** זצ"ל
מווילנא - תכלת מרדכי

תרע"ח — הג"ר **יעקב** ב"ר **מרדכי סג"ל פראגער** זצ"ל
תורת יעקב

תרצ"ד — הג"ר **שמואל שמעלקא** ב"ר **ישראל יעקב** זצ"ל
מחוסט

תש"א — הג"ר **משה יחיאל אלימלך** ב"ר **נתן דוד מפארציווא** זצ"ל
מלעבריטוב

תש"ד — הג"ר **אשר אנשיל** ב"ר **יונתן בנימין כ"ץ** זצ"ל
אב"ד סערדאהעלי

תש"ד — הג"ר **אברהם יעקב קאפל** ב"ר **ישראל איסר זינגער** זצ"ל
אב"ד סעמעריין

תש"ד — הג"ר **יהושע** ב"ר **אברהם לעפקאוויטש** זצ"ל
אב"ד קאמאראן

תש"ד — הג"ר **יעקב** ב"ר **שמואל גבריאל ניישלאס** זצ"ל
ר"מ בסערדאהעלי

תשנ"ג — הג"ר **צבי הירש** ב"ר **אהרן ארי' לייב לייפער** זצ"ל
מפרעמישלאן אנטווערפען

תשנ"ו — הג"ר **רפאל** ב"ר **משה זילבער** זצ"ל
אב"ד פריימאן - מרפא לנפש

זכותם תגן עלינו ועל כל ישראל

## יזכרם

זכרון שמות הנעדרים
שלא הניחו אחריהם זש"ק
נא להדליק נר וללמוד משניות וכדו' לעילוי נשמתם

**כ"ז סיון**

צו ארייַנשרייבען נעמען אימעיל List@yizkereim.info

הב' אברהם ב"ר יהודא (פרייליך) – תש"ב [פיטא, האלאנד] • יהב' אברהם אליעזר ב"ר משה פסח (גאלדמאן) – תשל"ז הי"ד [א. מאנטיפיור] • יהילד אהרן ב"ר אברהם – תשכ"ג [בני ברק, זכרון מאיר] • הב' ברוך בענדיט ב"ר פנחס צבי (לעווינזאהן) – תש"ד הי"ד • געציל ב"ר מאיר דוב (סילווערשטיין) – תרפ"ד [א. מאנטיפיור] • ר' חיים ב"ר יהודא (ווייסבארט) – תשמ"ו [קרית יואל] • ר' חיים ב"ר שרגא ברוך (וויינרייך) – תשס"ח [NJ חל' באבוב] • הב' יהודא ארי' ב"ר פנחס צבי (לעווינזאהן) – תש"ד הי"ד • הב' יוחנן ב"ר אהרן (פריעד) – תשס"ו [NJ וואשינגטאן] • הב' יוסף ב"ר שמואל (וואראדי) - תרצ"ט [סאטמאר, רומעניא] • הב' יוסף חיים ב"ר פנחס אלי' (ווייסבערג) – תרל"ג [אונגווער, אוקריינא] • הילד ישכר דוב ב"ר אלטר יוסף – תשל"ה [LI חל' וויזניץ] • הילד ישראל ב"ר אלטר יוסף – תשל"ד [LI חל' וויזניץ] • הב' לוי ב"ר הילל (וויינבערגער) – הי"ד תש"ד • הב' לוי ב"ר נפתלי הלוי (מאמעלס) – תרצ"ג [מט ציון] • הילד מנחם מענדל ב"ר ליפמאן (ליטמאנאוויטץ) – תרס"ג [פיעטרקוב, פוילן] • הילד מנחם שמואל ב"ר יהודא הלוי - תשנ"ד [ענפיעלד, לאנדאן] • הב' משה יהודא ב"ר צבי (וויינבערגער) – תרצ"ו [קאשוי, סלאוואקיי] • הב' נח ב"ר אשר אנשיל הלוי (העריסאן) – תרפ"ו [מט ציון] • הילד נפתלי צבי ברוך ב"ר יעקב יוסף • פנחס יעקב ב"ר ארי' ליב (וואלק) – תרע"ט [ביה"ח ד'מאנסי] • הב' רפאל ישעי' חיים ב"ר דוד מרדכי (לעבראן) – תשע"ג [LI חל' בעלזא] • הב' שאול ב"ר מרדכי זאב (פרערוי) – תרע"ט [בערעגסאז, אוקריינא] • הילד שאול ב"ר משה (שאהן) – תשי"ד [NJ וואשינגטאן] • שלמה אהרן ב"ר שרגא פייוול (שטיין) – ת"ש [מט חברון, טאפאראוער] • שמואל נתן ב"ר פישל (שאהנבערג) – תשמ"ט [אלבאני נ.י.]

הילדה אביגיל בריינדל ב"ר ארי' ישראל – תשנ"ג [ביה"ח ד'מאנסי] • איידא זוסא ב"ר ארי' • מרת ברכה ב"ר ישראל זאב הלוי – תרצ"ה [סענדזשארץ, רומעניא] • גיטל ב"ר חיים (בראנד) – תשל"ב [יוניאן פיעלד] • הבתולה הענא ב"ר יוסף (קרויזע) – תרצ"ד [טשענסטחויב, פוילן] • זלאטא ב"ר דוב (ווייסמאן) – תרצ"ד [מט לבנון] • מרת חנה ב"ר מענדל (שטראססער) – תרצ"ב [דעברעצין, אונגארן] • מרת ליבא ביילא ב"ר צבי (טענענבוים) – תר"פ [מט ציון] • חנה פערל בילא ב"ר מאיר נתן הכהן • הילדה מלכה ב"ר אברהם – תרנ"ט [בילקא, אוקריינא] • הבתולה מערל ב"ר ניסן (גרינפעלד) – תרל"א [אונגווער, אוקריינא] • הילדה סאשיא עניא ב"ר מנשה (סלאטקין) – תר"צ [מט ציון] • רחל ב"ר יוסף • הבתולה מלכה ב"ר יוסף (ניימאן) – תרע"ט [טשעטשאוויץ, סלאוואקיי] • הבתולה עלקא ב"ר יהושע (פיערסאן) – תרפ"א [אלבאני נ.י.] • מרת רחל ב"ר משה (ווייס) – [הר המנוחות] • הבתולה שרה חנה ב"ר אברהם ברוך הלוי – תשפ"א [NJ חל קאסאן]


**Bad Credit? We Remove Late Payments From All 3 Bureaus**
**Call/Text: 845-325-2324**

אסר עקשטיין

**פדיון הבן מטבעות**

שוין דא צו באקומען די נייע ספעציעל געמאכט פדיון הבן מטבעות ענבי,

פון ריין זילבער, מיט די ריכטיגע וואג, בהשגחת הרבנים,

צו באקומען אין אלע יודאיקה געשעפטן.

אדער רופט: 718-791-8250 (NY)
718-710-1134(Monsey)

Got a Ticket?
Call
THE TICKET FIGHTER




We Fight
Parking •
Moving •
& Criminal •
Violations
Ez Pass •
Call
718-954-4295
917-957-7545
We do personal injuries

פארנומענע וואך געווען? וואס איז מיט שלש סעודות תורה \ אווארט
פאר די סעודה \ אן ווארימען די נשמה = שיחתי #1,2 605-477-5551

מיר פייטן אלע אייערע טרעפיק טיקעטס.
ביליגע פרייזן
רופט אדער טעקסט
347.565.4216

QUICKWAY CAPITAL
Where Capital Meets Commitment™
HELOC FUNDING
AS FAST AS 5 DAYS
Real Estate Line of Credit
$500K NO TAX RETURNS OR APPRAISALS
$750K WITH APPRAISAL ONLY
1–4 UNITS | PRIMARY OR INVESTMENT | 1ST & 2ND POSITION UP TO 90% LTV
Heloc@quickwaycapital.com | 845-212-0405 | #NMLS 2072896




איר האט יעצט א געלעגנהייט
צו **אינסולעיטן אייער דירה**
כדי צוריקצוהאלטן דעם היץ
פונדרויסן

גענצליך אומזיסט*

דער עיר-קאנדישן וועט פיל
בעסער אָפקילן אייער שטוב,
און איר וועט שפּאָרן גרויסע
געלטער אויפ'ן ביל

און... וואס וועט זיין
דער וועטער
דעם זומער?

THE SEAL DIFFERENCE 25 YEARS

AIRSEAL Insulation Systems

LuachHatzibur

* פאר אינקאם בארעכטיגטע • 1 אדער 2 פאמיליע הויז • געבויט בעפאר 1985 לחס'

Call, text or WA, to see if you are eligible for this grant | 718.344.7148

JOEL@AIRSEALIS.COM | AIRSEALIS.COM


צו אדווערטייזן אדער מעלדן אייער שמחה רופט: 845.425.4300

# לידיעת הציבור

## ספאנסער

שפארט אסאך געלט אויף אייער קאר אינשורענס,
מיט אונזער דיפענסיוו-קלאס.
רופט אדער טעקסט יעצט גאו-דרייוו
845.600.4444
GoDriveMonsey@gmail.com
פארוואס לערנט יעדער דרייוון ביי גאו-דרייוו?
ווייל יעדער וויל דרייוון פראפעשינאל און שפארן געלט.

## טאהש אין מאנסי

חסידי טאהש דא אין שטאט מאנסי, האבן זוכה געווען מקבל פנים צו זיין רבם ומאורם כ"ק אדמו"ר מטאהש שליט"א, וועלכער איז געקומען צו פארן ממעון קדשו אין קרית טאהש קאנאדע, אויף א באזוך אין ניו יארק, הויפטזעכליך צוליב דעם געהויבענעם שבת וואס דער רבי שליט"א האט געפראוועט פריוואט מיט די תלמידי הישיבה אין ניו יארק.

אינאיינוועגס האט דער רבי שליט"א זיך שוין אויך באטייליגט ביי פילע שמחות און מעמדים דאהי אין ניו יארק, דארונטער עטליכע מעמדים ביי אונז אין שטאט מאנסי. דער רבי שליט"א איז אנגעקומען דא אין שטאט פארגאנגענעם דאנערשטאג בהעלותך נאכמיטאג, און איז צוגעפארן צו די נייעס אפיסעס פון כולל שומרי החומות לצדקת רמבעה"נ, וואו דער רבי איז אנטפאנגען געווארן דורך די הנהלת הכולל, בראשות המנהל הרב ר' שלמה מיכאל מאיער שליט"א.

דער רבי האט געקלאפט א מזוזה אין די נייע אפיסעס, צו האלטן די מזוזה איז מכובד געווארן הרבני הנגיד ר' אלכסנדר גאלבערגער הי"ו פון וומסב"ג. נאכן קובע זיין די מזוזה איז פארגעקומען א מסיבת לחיים. דער רבי שליט"א האט געזאגט דברי ברכה, און אריין געלייגט צדקה אין די פושקע פון רמבעה"נ.

נאכן ערהאלטן א מתנה פונעם מנהל הכולל, אן אנטיק לענדערנע באנד פונעם ספר 'אור החיים הקדוש', האט דער רבי שליט"א דערמאנט די הילולא קדישא פונעם אוה"ח הק' הממשמש ובא אום ט"ו תמוז, און דער רבי שליט"א האט דערביי דערציילט די השתלשלות הדברים פארוואס אביו הגדול האט גערופן די ישיבה אין קרית טאהש 'ישיבת אור החיים', ע"ש פונעם אור החיים הק'.

דערנאך איז דער רבי שליט"א צוגעפארן צום שטוב פון הרבני הנגיד ר' יודא לייב לעפלער הי"ו, וואו דער רבי האט געקלאפט א מזוזה, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר ר' יודא לייב ובני משפחתו. דערנאך איז דער רבי שליט"א געפארן קיין שיכון סקווירא אויף ניחום אבלים ביי כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א, ווי ס'איז פארפירט געווארן א שיינע שמועס, און דערנאך האט דער רבי מנחם געווען. תפילת מעריב האט דער רבי שליט"א געדאווענט אינעם טאהשער ביהמ"ד אין מאנסי. פארן עמוד האט געדאווענט הגה"צ אב"ד טאהש מאנסי שליט"א.

שפעטער ביינאכט האט דער רבי שליט"א באשיינט דעם שמחת התנאים פון די כלה אן אור אייניקל פון אביו הגדול, כ"ק אדמו"ר מטאהש זצ"ל, א טאכטער פון כ"ק אדמו"ר מ'ליזענסק שליט"א, פלימעניק פונעם רבי'ן שליט"א. דער ליזענסקער רבי האט אויפגענומען דעם רבי'ן שליט"א ביותרת הכבוד און מכבד געווען מיטן ליינען דעם תנאים. דערנאך האט דער רבי געמאכט א לחיים און ווארעם אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן ליזענסקער רבי'ן שליט"א און פארן חתן, מחותנים און בני המשפחה.

דעם געהויבענעם שבת האט דער רבי שליט"א געפראוועט מיט די תלמידי הישיבה, און זונטאג איז דער רבי צוריק געקומען קיין מאנסי, און האט זיך מיטאג צייט משתתף געווען ביים חומש סעודה אינעם תלמוד תורה עבודת משולם פייש טאהש דא אין שטאט, ביי וועלכן דער רבי שליט"א האט געשעפט פיל נחת און קורת רוח פון די לעכטיגע קינדער.

דערנאך האט דער רבי שליט"א זיך משתתף געווען ביים א מסיבה לנגידים בעם, לטובת די הייליגע טאהשער מוסדות דא אין שטאט, וואס איז פארגעקומען אין שטוב פון הרבני הנגיד ר' דניאל הלל פיליפסון הי"ו. דער רבי שליט"א האט געטרונקען לחיים, און דער יו"ר ר' מאיר מרדכי בערקאוויטש הי"ו האט געעפנט די מסיבה. שפעטער האט ער אויפגערופן הרה"ג ר' יצחק אברהם סג"ל יונגרייז שליט"א אויפצוטרעטן.

שפעטער האט יעדער תומך געהאט א געלעגנהייט אריינצוגיין אל הקודש פנימה, צו חתמ'נען מיטן רבי'ן א שטר שותפות לטובת די מוסדות, און נעמען ברכת קדשו. נאכן מסיבה האט דער רבי שליט"א זיך באזונדער באדאנקט פארן בעל אכסניא ובני משפחתו, און אים דערביי אויך געשאנקען א הערליכע מתנה.

צו באקומען די לוח הציבור טעגליך אויף אימעיל
Subscribe@monseyluach.com






# הילולא דצדיקיא



**יארצייט פונעם טאג - כ"ח סיון - שנת תרל"ג**

**האדמו"ר רבי משולם פייש סג"ל לאווי, השרף מטאהש**

**געבוירן:** שנת תקפ"א

**זיין טאטע:** רבי מרדכי

**זיינע זין:** רבי מרדכי. האדמו"ר רבי אלימלך מטאהש.

**זיינע איידימער:** האדמו"ר רבי יהוסף ראטטענבערג מקאסאני. רבי מנחם ברוידי אבד"ק קאלוב. רבי שלום כהנא. רבי דוד מנשה.

**זיין רבי:** האדמו"ר רבי דוד שפירא מדינוב, בעל 'צמח דוד'

אין די פארגאנגענהייט האבן מיר באשריבן אין קורצן די יוגנט יארן פונעם 'שרף' פון טאהש, ווי ער איז גערופן געווארן דורך צדיקים, צוליב זיין עבודה וועלכע איז אפגעראכטן געווארן מיט אן אויסטערלישע פלאם פייער. מיר האבן דערמאנט אז ער האט געדינט אלס מלמד תשב"ר אין שטאט טעגלאש, אויף וועלכן ער האט באקומען געהאלט, אבער דאס רוב דערפון האבן זיי פארטיילט פאר עניים ואביונים, און זיי אליינס האבן געלעבט אין גרויס דחקות, בפרט נאכדעם וואס ס'איז פארגעקומען א גרויסע גניבה ביי זיי אין שטוב, וואס האט זיי איבערגעלאזט בעירום ובחוסר כל, און דערנאך האט אויך פאסירט א שריפה, וואס האט אינגאנצן חרוב געמאכט זייער דירה, אז זיי זענען געבליבן אן גארנישט ממש. די בעלי בתים פון שטאט טאהש, פלעגן פון צייט צו צייט פארן צום יריד, און זיי זענען אפט פארביי געפארן טעגלאש, און אזוי ארום האבן זיי זיך באקענט מיט רבינו זצ"ל, דער מלמד פון טעגלאש, און זיי האבן אנערקענט אין זיין גדלות, און זיי האבן באשלאסן אז זיי ווילן אים אויפנעמען פאר רב ביי זיי אין שטאט טאהש.

תיכף נאכן באשלוס, זענען זיי אריין צו רבינו זצ"ל אין שטוב, און זיי האבן אים פארגעלייגט דעם ענין, אז זיי דארפן האבן אין טאהש א רב, וואס זאל פירן דעם שטאט און וואס זאל מדריך זיין זיי און זייערע קינדער צו תורה און יראת שמים, און זיי האבן אנערקענט אז רבינו זצ"ל איז ראוי דערצו, און דערפאר ווילן זיי אים אויפנעמען פאר רב, און זיי האבן אים דערביי צוגעזאגט א שיינעם געהאלט אז ער זאל נישט דארפן מער לעבן אין אזא ארעמקייט ווי ביז יעצט. רבינו זצ"ל האט אבער, פונקט ווי ביז דאן, קאטאגאריש אפגעווארפן א רבנות פאסטן, ער האט גע'טענה'ט אז ער איז נישט ראוי צום איצטלא דרבנן, צו זיין א מנהיג לעדה. זיי האבן געזען אז ער איז זייער אנטשלאסן, האבן זיי אים געבעטן אז ער זאל כאטשיג קומען אהין אויף איין שבת, און פראווענען דעם שבת מיט זיי.

רבינו זצ"ל האט זיך דאן איבערגעקלערט אז אפשר איז דאס אז ער האט געהאט א שריפה אין שטוב, א סימן פון הימל אז אז ער זאל יא אננעמען א רבנות פאסטן, און ער האט באשלאסן אז ער וועט אננעמען דעם איינלאדענונג פון די קהילה, צו פראווענען דארט א שבת קודש, און דערנאך וועט מען שוין באשליסן וואס מ'טוט אויף ווייטער. רבינו זצ"ל האט טאקע געווארט אויפן ערשטן געלעגנהייט, און ער איז ארויסגעפארן קיין טאהש אויף שבת. די מענטשן פון שטאט האבן זיך זייער געפריידט צו הערן אז רבינו זצ"ל איז טאקע געקומען אויף שבת, און זיי האבן אים צוגעשטעלט פון אלעם גוטן. דער שבת איז געפראוועט געווארן אויף גאר א געהויבענעם פארנעם. רבינו זצ"ל האט אפגעראכטן זיין פייערדיגע עבודה, וואס האט ארייגעשלעפט דעם גאנצן שטאט, אין אן אש קודש פון קדושת השבת, וואס האט זיי דערהויבן ביז גאר, און זיי האבן זייער געהאפט אז ער וועט יא אננעמען דאס רבנות.

באלד זונטאג אינדערפרי, זענען די ראשי הקהילה אריין צו רבינו זצ"ל, מיט א כתב רבנות, און זיי האבן אים זייער געבעטן אז ער זאל אננעמען דאס רבנות, ווייל די איינוואוינער פון שטאט האבן זייער הנאה געהאט פונעם געהויבענעם שבת, און זיי ווילן אים זייער שטארק האבן אלס רב. רבינו זצ"ל האט אבער דאך נישט געשפירט אז ער איז ראוי דערצו, און ער האט זיי, צו זייער גרויס ווייטאג, אפגעזאגט. דאן אבער איז רבינו זצ"ל אהיים געפארן קיין טעגלאש, וואו ער האט געטראפן זיין הויז מיט אלע חפצים גענצליך אפגעברענט, אז ער האט ממש נישט געהאט וואו צו וואוינען, און ער האט פארשטאנען אז פון הימל וויל מען יאר ער זאל זיין רב.

אבד"ק טאהש. רב און רבי. מנהיג לאלפים. עבודת הלוים באש קודש. אותות ומופתים. אי"ה אין א קומענדיגן געלעגנהייט...

**זכר צדיק לברכה!**

To Advertise Or To Place Your Simcha Call: 845.425.4300

**פדיון שבוים נא להתפלל דניאל אברהם בן עלקא**


**Info Line USA**

**845-365-2400**

**One Number For All Your Numbers**

**RealtyLine™**

**BUY - RENT - SALE**

**VACATION RENTAL - SIMCHE HALL**



בית המדרש

**אהל רחל**

ע"ש האשה החשובה מרת **רחל** ב"ר **שמשון** ע"ה

**4 Vincent Rd.** (Entrance Left Side Back)

**הדלקת הנרות 8:14**

**מנחה 9:14** (שעה אחר הדלקה"נ)

**שחרית**

**מנין א'** ........................ 8:15

**מנין ב'** (שעה ועשרים דקות לפני חצות)........ 11:36

**מנחה שבת קודש**

**מנין א'** ........................ 6:30

**מנין ב'** (35 דקות אחר זמן הדקלה"נ)........ 8:49



## בשורה משמחת לשומעי לקחי
## הרה"ג ר' שמעון גערטנער שליט"א

**אלע "ליינס"**
**עצה ותושיה,**
**בחורים, כיבוד**
**אב ואם, קדושת**
**עיניים, און חיים**
**שיש בהם.**

זענען יעצט בס"ד
**איבערגעמאכט און איבערגעפרישט**
**געווארן אלס איין פלאטפארמע**
וואו מען קען פרעגן יעדע שאלה אין עבודת השם,
און הערן מורא'דיגע
קורצע תשובות,
שיעורים און חיזוק.
שמעו ותחי נפשכם!

קול ארץ

**נתפרסם ע"י שומעי לקחו**

**845.414.8041**



# ווער וויל דען נישט אריכת ימים?

# קויפט א חלקה, האנדלט איין די סגולה.

חלקות איינגעטיילט
לויט פארשידנארטיגע
מנהגים און מסורות

טויזענטער חלקות
שוין פארקויפט פאר
קהלות משפחות
און יחידים

פאר מער אינפארמאציע
אדער צו קויפן חלקות רופט:

**845.400.2227**








צו אדווערטייזן אדער מעלדן אייער שמחה רופט: **845.425.4300**

# שבת ערציילונג



## ממשיך די ישועה

געווען איז דאס א קורצע צייט נאכדעם וואס אין שטאט טאהש האט מען אויפגענומען אלס רב און רבי, הרה"ק רבי אלימלך מטאהש זי"ע, דער זוהן פונעם הייליגן שרף, רבי משולם פייש, פון טאהש. רבי אלימלך איז נאך געווען א קינד ווען זיין פאטער איז נסתלק געווארן, און מ'האט געווארט ביז ווען ער איז עלטער געווארן, און דאן האט מען אים אויפגענומען ממלא צו זיין מקומו הגדול פון זיין טאטן.

צום נייעם רבי'ן אין שטוב איז אנגעקומען ערב שבת קודש א איד, אינאיינעם מיט זיין ב"ב און זיין משפחה. זיי זענען געקומען פונעם ווייטן פוילין, ערגעצוואו נעבן דינוב, און זיי האבן געבעטן ביים רבי'ן אין שטוב אז זיי ווילן מיטהאלטן אלע סעודות שבת קודש דארט אין שטוב. דער איד האט צוגעלייגט אז ער האט מיטגעברענגט מיט זיך אלע מאכלים, מכל טוב וטוב לכבוד שבת קודש.

אויפן וואונדער פונעם רבי'ן און די שטוב מענטשן, פארוואס דער איד איז געקומען אצינד צו פארן קיין טאהש, און פארוואס ער וויל דווקא עסן ביים רבי'ן אין שטוב, האט ער דערציילט אט די מעשה:

*******

איך האב שוין געהאלטן עטליכע יאר נאך מיין חתונה, און איך בין נאכנישט געהאלפן געווארן מיט קיין קינדער. איך און מיין ב"ב האבן געווארט און געהאפט, געבעטן און געוויינט, אבער די ישועה איז נישט אנגעקומען. יעדעס מאל ווען איך בין געפארן צום מיין הייליגן רבי'ן, רבי דוד'ל פון דינוב זצ"ל, האב איך אים געבעטן אז ער זאל מתפלל זיין פאר אונז, אז מיר זאלן זוכה זיין צו קינדער. אבער דער רבי האט נישט געענטפערט מיין בקשה. איך האב נישט אויפגעגעבן, נאר יעדעס מאל האב איך נאכאמאל געבעטעט פון פריש, און געהאפט אז דאס מאל וועט דער רבי מיר שוין צוזאגן א ישועה. אבער יעדעס מאל בין איך אהיים געפארן מיט ליידיגע הענט.

איין יאר, בין איך געפארן אינאיינעם מיט מיין ב"ב אויף ראש השנה קיין דינוב, און ערב ראש השנה זענען מיר אינאיינעם אריין אל הקודש פנימה צום הייליגן רבי'ן מיט א קוויטל און פדיון. מיין רעבעצין איז געווען דעמאלטס זייער צעבראכן, און זי האט עס שוין נישט געקענט אויסהאלטן.

זי האט זיך געוואנדן צום רבי'ן און גזאגט מיט א שטארקייט: "רבי, איך גיי נישט ארויס פון דא ביז דער רבי וועט מיר צוזאגן א ישועה!". מיט ווייטאג האט דער רבי אויסגעהערט אירע ווערטער. אבער, ער האט איר געענטפערט, "איך קען אייך נישט צוזאגן די ישועה"...

דער רבי האט ממשיך געווען, "אבער, איין עצה קען איך אייך געבן"...

מיר האבן זיך צוגעהערט מיט האפענונג. דער רבי האט ווייטער געזאגט, "דער הייליגער צדיק, דער רבי פון טאהש, קומט אהער צו פארן יעדעס יאר אויף יום טוב סוכות. ווען ער וועט קומען דאס יאר, זאלט איר אים איינלאדענען אז ווען ער פארט צוריק אהיים, זאל ער זיך־אפשטעלן אין אייער שטאט, און ער זאל אריינקומען באזוכן ביי אייך אין שטוב, און ער זאל דארט אויך עסן א סעודה. און אויב איר וועט מצליח זיין אים צו איבעררעדן דערצו, דאן בין איך זיכער אז בזכותו וועט איר געהאלפן ווערן מיט זרע של קיימא".

די ווערטער פונעם רבי'ן האבן אריינגעבלאזן א פרישע גייסט פון האפענונג אין אונזערע הערצער.

ווען דער יו"ט סוכות איז אנגעקומען און דער רבי פון טאהש איז געקומען קיין דינוב, האבן מיר גלייך אנגעהויבן מיט אונזערע השתדלות און פארשידענע פעולות, צו פועל'ן ביים צדיק אז ער זאל קומען צו אונז אין שטוב. איך האב פרובירט צו רעדן מיט אים עטליכע מאל דערוועגן, אבער דער הייליגער טאהשער רבי האט נישט געקענט פארשטיין פארוואס מיר בעטן אים אזא מאדנע בקשה. "וואס האב איך מיט אייער שטאט?" האט ער געפרעגט. "פארוואס זאל איך דווקא דארט דורכפארן אויפ'ן וועג אהיים? און פארוואס ווילט איר אז איך זאל עסן ביי אייך אין שטוב?", מיר האבן אים נאכנישט געוואלט דעמאלטס אויסזאגן די סיבה דערפון, אויס מורא אז דאן וועט ער נישט וועלן קומען.

אבער מיר האבן נישט געקענט פועל'ן אז ער זאל קומען. דאן אבער זענען געווען עטליכע חסידים, וואס האבן מיטגעהאלטן אז דער רבי פון דינוב האט אונז געגעבן די עצה אז מיר זאלן רופן דעם טאהשער רבי'ן צו אונז, און זיי האבן זיך אריינגעלייגט אין דעם ענין. איינער האט גערעדט. איינער האט געבעטן. איינער האט מסביר געווען. ביז ענדליך האט דער טאהשער רבי איינגעגעבן, און ער האט זיי צוגעזאגט אז פאר זייערט וועגן, וועט ער משתדל זיין אהיים צו פארן דורך יענעם שטאט. "איך וועל דארט דאווענען שחרית, און אויב עס וועט מיר געפעלן, דאן וועל איך אפשר אויך עסן דארט פת שחרית ביי זיי אין שטוב".

נאך סוכות, ווען דער טאהשער רבי איז אהיים געפארן פון דינוב, איז ער טאקע געקומען צו אונז

אין שטאט. ער האט געדאווענט שחרית מיט גרויס התעוררות, און נאכן דאווענען איז ער אריינגעקומען צו אונז אין שטוב. אבער אנשטאט ער זאל זיך זעצן צו פת שחרית, האט דער רבי אנגעהויבן טון עפעס גאר מאדנע. ער איז אריין אין איין צימער, דערנאך אין א צווייטן און דערנאך אין א דריטן. ער האט זיך ארומגעקוקט אין יעדן ווינקל. אויפגעמאכט טירן. אריינגעקוקט אין אלע צימערן. ס'האט אויסגעזען ווי ער זוכט עפעס. נאר קיינער האט נישט געוואוסט וואס.

נאכדעם איז ער ארויס אין הויף. אויך דארט האט ער זיך ארומגעקוקט. ער איז געגאנגען אהין און צוריק. מיר האבן זיך זייער געוואונדערט. וואס זוכט דער רבי? וואס וויל ער טרעפן? פלוצלינג האט דער רבי זיך אפגעשטעלט און געפרעגט, "זאגט מיר, וואו געפונט זיך דאס קינדער־וויגעלע?", איך האט נישט פארשטאנען. און דער רבי האט ערקלערט, "איך האב געזוכט דעם וויגעלע אין אלע צימערן, איך האב עס געזוכט אין גאנצן הויף, און איך קען עס נישט טרעפן". דעמאלטס האב איך אנגעהויבן וויינען. "רבי", האב איך געזאגט, "מיר האבן נאך נישט זוכה געווען צו קיין זש"ק, און דערפאר טרעפט נישט דער רבי קיין וויגעלע".

ווי נאר דער רבי האט דאס געהערט, האט ער אנגעהויבן גיין צום טיר. "אויב אזוי", האט ער געזאגט, "קען איך ביי אייך נישט עסן". מיר האבן זיך דערשראקן. "פארוואס נישט, רבי?", דער רבי האט געענטפערט, "ס'שטייט אין משלי: 'אל תלחם את לחם רע עין', און חז"ל דרשנ'ען אז מ'טאר נישט נהנה זיין פון מענטשן וואס זענען 'צר עין', און ס'איז דאך ידוע אז א מענטש וואס האט נישט קיין קינדער קען ווערן פארביטערט און זיין א 'צר עין', דעפאר קען איך דא נישט עסן.

איך מיט מיין פרוי זענען מיר געווען צעבראכן אויף שברי שברים. דאס איז דאך געווען דער גאנצער ציל פון אהער ברענגען דעם רבי'ן! דערפאר האט מען דאך געוואַרט אזויפיל חדשים! דערפאר האט זיי דער רבי פון דינוב געהייסן ברענגן דעם טאהשער רבי'ן, טאקע ווייל מיר האבן נאכנישט קיין קינדער! איך האב אנגעהויבן וויינען צום רבי'ן מיט הייסע טרערן, "רבי, איך בעט אייך, פארשעמט אונז נישט, האט רחמנות אויף אונז! בלייבט כאטשיג פאר פת שחרית, און בעטס פאר אונז ביים אויבערשטן אז מיר זאלן שוין געהאלפן ווערן". איך האב געוויינט. מיין פרוי האט געוויינט. און מיט ציטערדיגע הערצער האבן מיר געהאפט און געווארט אז דער רבי זאל אננעמען אונזער בקשה.

דאן האט דער רבי מיר געזאגט, "איך וועל בלייבן דא עסן פת שחרית נאר מיט איין תנאי! אויב איר זענט באמת מסכים מיטן גאנצן הארץ, אז בעזהשי"ת קומענדיגע יאר אין אזא צייט זאל אייער פרוי שוין האלטן אן אייגן קינד אין די הענט – נאר אזוי וועל איך מסכים זיין צו עסן ביי אייך פת שחרית"!

איבעריג צו זאגן, אז איך האב נישט געווארט קיין רגע, "יא רבי! זיכער בין איך מסכים! מיט מיין גאנצע הארץ און זעל בין איך מסכים דערצו! דער רבי זאל נאר דאווענען פאר אונז, און אונז בענטשן אז עס זאל טאקע אזוי זיין!". איך האב אויסגעשטרעקט מיין האנט צום רבי'ן, און דער רבי האט אויך אויסגעשטרעקט זיין הייליגע האנט צו מיר, און מיט א שמייכל און א ליכטיגן פנים האט ער אונז געבענטשט, אז מיר זאל געהאלפן ווערן מיט זרע של קיימא. דערנאך האט דער רבי זיך געזעצט צום טיש, און מ'האט געגעסן פת שחרית מיט פרייד און התרוממות וואס מ'קען נישט באשרייבן.

איבעריג צו זאגן אז די ברכה פונעם הייליגן טאהשער רבי'ן איז מקוים געווארן. און צום יאר איז געבוירן געווארן ביי אונז א לעבעדיגער און געזונטער בן זכר למזל טוב. די שמחה אין שטוב איז געווען אומבאשרייבליך! די עצה פונעם דינובער רבי'ן, און די ברכה פונעם טאהשער רבי'ן, האבן געברענגט א ישועה. איך האב גאר שטארק באדאנקט דעם הייליגן רבי'ן פון טאהש פאר זיין ברכה, און איך האב אים אויך געוואלט געבן א פדיון, אבער ער האט בשום אופן נישט געוואלט נעמען פון מיר גארנישט.

*******

נאכן ענדיגן דערציילן די מעשה, האט דער איד פארגעזעצט זיינע ווערטער, פאר הרה"ק רבי אלימלך מטאהש, דער זוהן פונעם שרף:

מיין עלטסטן בחור וואס איך האב געברענגט דא היינט מיט מיר, דאס איז אט דער קינד וואס איז געבוירן געווארן דורך די ברכה פון אייער הייליגן טאטן. און אצינד שטייט ער פאר אים א שווערע גזירה, ווי אויף נאך טויזנטער אידישע קינדער, מ'וויל אים רח"ל נעמען צום מיליטער. איך בין געווען זייער דערשראקן דערוועגן און נישט געזען קיין וועג ארויס. בצר לי, בין איך געפארן צו מיין רבי'ן, רבי צבי אלימלך פון בלאזוב, וועלכער איז א זוהן פון רבי דוד'ל פון דינוב, און איך האב אים דערציילט די גאנצע מעשה.

דער בלאזובער רב האט אויסגעהערט און מיר געזאגט "פארט קיין טאהש. נעמט מיט א שיינעם פדיון. און בעט פונעם זוהן פונעם שרף, רבי אלימלך, אז ער זאל מתפלל זיין פאר אייער זון. דאס קינד איז דאך געקומען אויף דער וועלט דורך א ברכה פונעם שרף פון טאהש. יעצט זאל זיין זכות ווייטער מגין זיין אויף אים".

דער איד האט ארויסגענומען דעם פדיון און דאס איבערגעגעבן פאר רבי אלימלך, און געזאגט, "דעמאלטס האב איך געוואלט געבן א פדיון פאר אייער הייליגן פאטער, אבער ער האט נישט געוואלט נעמען פון מיר גארנישט, יעצט בין איך געקומען אפצוצאלן דעם חוב".

דער רבי האט טאקע גענומען דעם קוויטל מיטן פדיון און מתפלל געווען פאר'ן בחור, און דער בחור איז טאקע ניצול געווארן פון די ביטערע גזירה, און האט זוכה געווען צו א ישועה. און אזוי האט די ברכה פונעם הייליגן שרף פון טאהש ווייטער באגלייט די משפחה, נישט בלויז ביים געבורט פונעם קינד, נאר אויך יארן שפעטער, ווען דאס קינד אליין האט געדארפט א ישועה.








**האט איר שוין געקופט אייערע עלטערן הייגט?**







יעדע תפילה מאכט
א רושם אין הימל!

זייט מתפלל אז נחמי' צבי בן דינה
זאל באפרייט ווערן פון תפיסה בקרוב

# Real Estate

Sales

**FOR SALE**

Beautiful house in Montebello Pines
for sale. Off market. Asking $1.8.
Serious inquiries only.
Please email:
Montebellohouse2026@gmail.com

YOUR REAL ESTATE SALES LISTING HERE
FOR JUST $48/WEEK
CALL: 845-425-4300
ADS@MONSEYLUACH.COM

# Commercial

Rentals

| Type | Location | Size | Included | Contact | Comments |
|---|---|---|---|---|---|
| Yeshiva | Carlton area | קלאס רומס 4 | | 917-975-4044 | א הערליכע שפאגל נייע ישיבה אוועליבל פאר די קומענדיגע זמן מיט א דארמיטארי פאר 170 בחורים |
| Yeshiva | Spring Valley | 8-16 class-rooms 5,000-10,000SF | Offices Private Entrance | 845-369-3300 Sam@MidlandNY.com | Existing yeshiva Bldg, half floor/full floor available |
| Office | Meron/Ralph area | 10x16 | Utilities internet kitchenette | 845-263-0805 | Ground floor, 1 out 4 offices still avaliable, men only $600 |
| Office | Neil Rd. | Varity of options | Utilities, internet, weekly cleaning | 845-274-4148 | Brand new, private ac and steam control, Coffee provided |
| Office | 22 N Madison | 1,500 SQ FT | | 845-459-6969 #103 Ben@lightngrid.com | Office / warehouse |
| Office | Collins Ave | | internet | 718-813-4265☎💬 | Weekly cleaning, with windows, double office. |
| Office | Blauvelt/Cameo ridge Rd. | 2 Rooms | Internet, Utilities | 845-422-7553 | Private entrance and toilet. |
| Office | 61 Pinebrook Rd. | | | 347-304-0763 | office with waiting area and bathroom |
| Office | Hammond st. | | Internet, Utilities | 845-232-1165 kg@triplemny.com | Spacious private room. |
| Office | Montvale NJ | | Internet | 973-778-1045 ext 145 | Nice private office to sublease , Mincha on Premises If no answer leave voicemail |
| Office | Melnick Dr. | 1400 sq ft | Utilities | 845-659-6306 | Prime location professional office space Suitable for office, physical therapy, light retail |
| Offices | Airmont Rd. | | | 845-517-8048 | |
| Office | Spruil Ct. / Monsey Blvd. | | | 845-274-5886 | 2 room office 1 bath or 5 room office 2 baths |
| Office | College & 59 | | | 845-263-9999 | New office building |
| Office | Meron rd | | kitchenette, Full bath | 845-376-2446 | 1 office and private waiting room With private entrance, for office or shitel macher |
| Office | 55 Old Turnpike Rd, Nanuet | Single or double offices available. | Utilities, internet & kitchenette | 914-236-4151☎💬 | Newly renovated Offices Bright spacious windows, Ample of parking, Mincha on-premises. Walk-in level. |
| Office | 14 N Madison Ave | Two single offices available for lease | All-in | 845-402-8546☎💬 | |


צו אדווערטייזן אדער מעלדן אייער שמחה רופט: 845.425.4300

# Commercial

Rentals

| Type | Location | Size | Included | Contact | Comments |
|---|---|---|---|---|---|
| Offices | N. Cole | 1-3 room | Kitchenette | 845-323-1777 | 9ft Ceiling, Brand new |
| Office/ Space | Adar/West central | Approx. 500 sq ft | | 347-452-2614 | Basment new, 9 ft ceiling, w/window great price |
| office/ Space | Gwen ln./ W. central | 200 Sq ft | Internet | 845-517-7241 | Prime location, female office available immediately |
| Space/ Office | on 59 near Cherry Lane! | | | 914-848-1122 # 205 Email office@rstarman-agement.com | Prime storefront High visibility, perfect for retail or office use. Act now to secure this opportunity! |
| Retail-Space | Elis bagels shop-ping center | 600 Sq. ft. | | 845-323-1777 | Space for rent ideal for office, seforim/ Ju-daica store or barber shop $2500/month |
| Parking / storage | S Madison/Rt 59 | | | 845-288-0031 | Big private back lot (aprx 15k sf) plus 3 car garage |
| Space | Phyllis Ter. | 1700 sq ft | | 845-244-0742 | 8 ft celling, windows |
| Space | 306 area | approx 400 sq ft | | 845-521-5102 | Unfinished basement. 1 min from Visnitz |
| Space | Jon Leif Ln. Chestnut ridge | 1000 sq ft | | 845-310-9510 | Multi functional room good for studio, lectures therapist gym class etc. |
| Space | Crest area | 2300 sq ft | Central a/c | 917-642-7700 | 1 step down, 12 ft ceiling, good for store etc.. |
| Space | Hatzlacha Area | 1100 sq ft | | 845-376-2629 | Large room, ideal for playgroup, office or store |
| Space | kearsing development | 1,200 sq ft | | 347-932-3008 | unfinished — perfect for work, storage/ daycare |
| Space | New City | | | 845-746-1799 | 2 door garage |
| Space | Newburgh, NY | | | jobopportunity7585@gmail.com | Need storage? We offer warehouse space with full 3PL services. We handle receiving, storing, and shipping. Flexible and affordable! |
| Space | Viola area | 1200 Sq ft | | 646-300-2203 | Unfinished Basement Ready to customize for the right commercial tenant |
| Space | Blauvelt Rd. | 800 sq ft | | 347-696-1580 | Unfinished basement. |
| Space | Ronald Dr. | Approx 650 sq ft. | kitchenette, full bath | 347-455-4975 | Private property good for playgroup shetiel macher storage or office |
| Space | Kearsing | 1,000 sq ft | | 845-309-7476 | Brand new, very nice good for play-group or exercise groups etc. |
| Space | Wesley Hills | 600 SF | | 845-825-1030 | Double garage for rent for storage |
| Space | Jaccuroso area | 750 sq ft. | | 845-275-3385 | Perfect for playgroup, exercise groups, gym, office etc. still avail. for the summer |
| Warehouse | 20 min from Monsey | 5,000-10,000 SF | Loading dock | 845-475-1960 | 2 levels |
| Warehouse | Roosevelt Ave Woodridge | up to 20,000 sqft | Multiple load-ing docks. | 845-517-4732 | in the heart of Woodridge, NY. Multiple sizes available. |
| Warehouse | Newburgh, NY | | | jobopportunity7585@gmail.com | Beautiful warehouse with racking and office space available. Flexible terms. Great location. Very good price! |
| Warehouse | Newburgh, NY | 6000 SF | | 347-533-0492 | 28ft clear with a loading |
| Warhouse | Rockland county | 7500 SF | 1 loading dock | 845-608-7552 | 20' clear ceiling height. Includes office space Plenty of parking, For a very good price! |

# Commercial

Rentals

| Type | Location | Size | Included | Contact | Comments |
|---|---|---|---|---|---|
| Warehouse | Poconos area Pa | 15,000 sq ft. | Loading dock | 845-393-1569 | One and a half hours from Monsey, 23 height celling for an unbelievable price $10 per square foot |
| Warehouse | Newark/ Elizabeth NJ | 25,000-50,000sf | 4 Loading docks plus offices | 718- 593-7171 ☎ | 22 FT Ceiling. ground floor Short or long term available great price $10/Sq ft |

# Real Estate

Rentals

| Location | BDR | Baths | Sec8 | Contact | Comments |
|---|---|---|---|---|---|
| Blauvelt Rd. | 6 | 5 | ✓ | 845-502-1683 | Built in sukkah room, Big porch with awning. |
| Paiken Dr. | 6 | 4.5 | ✓ | 845-535-9060 | Beautiful private house w backyard / Available up to 12 month lease term / No brokerage fee |
| Cedar & Crown Rd. | 5+ | 2.5 | ✓ | 845-356-4161 | Gorgeous duplex. (+Playroom, ספרים, פסח rooms) Almost new. 9 foot ceilings asking $4300, No brokerage. |
| Bloomingburg | 5+ | 2.5 | ✓ | Dingo Realty 845-554-3363 ☎💬 | Spacious duplex in development \| Mountain views \| Available July \| Great price |
| S COLE | 5 | 2.5 | ✓ | Dingo Realty 845-554-3363 ☎💬 | Brand New Duplex \| Spacious layout \| Semi private \| playroom & study |
| Chestnut Ridge | 5 | 3 | ✓ | 347-839-0457 ☎ | Over 3200 sq ft, plus 2 car garage Lm no text |
| Union Rd. | 5 | 1.5 | ✓ | 845-325-6896 | Beautiful single family home, prime area, huge private backyard walkout basement, 1 car garage |
| Airmont /Post Ln. | 5 | 3 | | 347-839-0457 | Beautiful upgraded high ranch. LM no text |
| Near satmar/ Visnitz | 4/5 | 3 | ✓ | 329-236-6755 | Long term or summer |
| UNION / VIOLA | 4 | 2.5 | ✓ | Dingo Realty 845-554-3363 ☎💬 | NEW LISTING \| Brand new duplex apartment \| Many upgrades |
| N Myrtle Ave | 4 | 2.5 | ✓ | Dingo Realty 845-554-3363 ☎💬 | Brand new construction \| Spacious \| 4 bed + playroom \| Pesach kitchen \| Porch |
| Bloomingburg | 4 | 2 | ✓ | 347-649-8792 | High st. |
| Walter Dr. | 3 | 1.5 | | 914-552-1717 | Leave message. |
| TWIN | 3 | 2 | | Dingo Realty 845-554-3363 ☎💬 | NEW LISTING \| Beautiful apartment \| Prime area \| Available immediately |
| MIRROR LAKE | 3 | 2 | | Dingo Realty 845-554-3363 ☎💬 | Brand New \| Walk in \| Spacious \| Great layout \| Beautiful grounds |
| W CENTRAL | 3 | 2 | | Dingo Realty 845-554-3363 ☎💬 | Spacious top floor \| Prime location \| Great layout |
| Jon Leif Ln. Chestnut ridge | 3 | 2 | | 845-310-9510 ☎💬 | Brand new Nice spacious beautiful apt. with playground close to shopping |
| Calvert Dr. | 2 | 1 | | 845-608-0305 | Beautiful brand new bsmt, granite counters, spotlights |
| Adar ct | 2 | | | 845-213-8935 | Newly renovated with a dining room ready to move in. $1850/month |
| Challenger ct | 2 | | | 845-213-8935 | Brand new construction $2200/month. |



צו אדווערטייזען אדער מעלדן אייער שמחה רופט: 845.425.4300

# Real Estate

Rentals



| Location | BDR | Baths | Sec8 | Contact | Comments |
|---|---|---|---|---|---|
| Dana/Blueberry | 2 | 1 | | 845-372-5808 | Large Kosher Kitchen, Washer/Dryer, Spacious Bedrooms |
| Stonehouse | 2 | 1.5 | | 845-323-1777 | Eat in dining room, beautiful condition, walk in. $2100+ |
| Skver-McNamara area/ New Hempstead | 2 | 1 | | 845-377 -3687 | Huge bedrm: backyard: newly renovated: stunning; modern spacious kitchen/ dinette: s/s appliances: LR/DR |
| Dana Rd. | 2 | 1 | | 845-222-2775 | Walk in, nice apt, ready to move in |
| Hatzlacha area | 2 | 1 | | 845-323-1777<br>845-521-9463 | Beautiful apt. Granite kitchen<br>9 ft. ceiling Nice porch<br>הנחה פאר כולל אינגערלייט $2100 |
| Chestnut ridge/ Oriole St. | 1.5 | 1 | | 917-620-6871 | Chusen kallah semi furnished Nearly new. |
| Dana | 1 | | | 845-213-8935 | big Spacious kitchen and dining room. $1700/month utilities included. |
| South Madison Ave. | 1 | | | 845-213-8935 | Brand new, Walk in with Private entrance. $2,000 including utilities |
| Stetner/Blufeild | 1 | 1 | | 845-659-3708 | New kitchen, private entrance, quiet street. |
| 6 Monsey Blvd. | 1 | 1 | | 347-581-5250 | Brand new basement built modern upscale no dining room nice kitchen dinette across sunrise/ both Satmar shuls also good for office |
| Decatur | 1 | 1 | | 845-859-9001 | Separate kitchen and dining room. |
| Carlton Rd. Area. | 1 | 1 | | 845-352-7278 | furnished apartment, short term. Perfect for Chusen Kallah. |
| Forbes / New City | 1 | 1 | | Dingo Realty<br>845-554-3363 | Studio apartment \| Fully furnished \| Walk-in \| Private entrance \| $1,500 including utilities |
| Maple/Suzanne | 1 | 1 | | 917-301-5226 | BEAUTIFUL Brand new, private entrance, singles welcome. |
| kearsing area | 1 | 1 | | 845-263-2305 | Furnished with private entrance with kitchenette split unit perfect for short term |
| Saddle river/ Albert | 1 | 1 | | 845-417-8731 | furnished with linen avalible for short term or long term rental |


## CABINETS REPAIR

For all your cabinets repair and home maintenance please call or text
**347-930-9962**

## CREDIT REPAIR

Credit max Credit repair
Call or text:
**(929) 821-8961**




## LLC & CORPORATIONS

Corporations מיר עפענען
LLC's און
Same Day, Only $150
We accept CC.
**845-293-3795**

## BOOKKEEPING SERVICES

Expert bookkeeping
on-site or remote.
All business types welcome.
Years of trusted experience.
**(845) 535-9835**
**smarterbooksny@gmail.com**

## ELI LOCKSMITH SERVICES

Expert in car keys, locks, Shabbos locks, and safes. Fast, reliable, and affordable solutions for all your locksmith needs
**845-422-6505**

## JOB OPPORTUNITY

Are you available to work in the evening?
We are seeking for a energetic woman to supervise our child care location
**goldrated3@gmail.com**
**347-422-0863**

## VENT CLEANING

Dryer vent cleaning
Done by A. Gavrilov
**646-912-4028**

## CAR & DELIVERY SERVICE

מיר טוען אלע ערליי לאנג דיסט־
ענס קאר סערוויס
ווי אויך טוען מיר דעליווערי
סערוויס פאר מוסדות געשעפטן
וכדו'
רופט: **347-683-6096**

## CAMP JOBS

Counselors needed for a self contained bunk in a Bais Yakov sleepaway girls camp.
Please call:
**845.553.0607**

## CORPORATIONS

מיר עפענען Corporations
און LLC's שנעל און
פארלעסליך, ביטע רופט:
**347-494-1771**
מיר נעמען קרעדיט קארד

## WINDOWS

מיר פארריכטן די Lock
דרייער, שטריק און
גלאז
**845-376-6388**

## PROJECT MANAGER

Construction Project Manager position available. Experience a must.
**Email: resume.21000@gmail.com**

## WEBSITE

מיר וועלן אויפשטעלן א
וועבזייטל פאר אייך
פאר בלויז $250
צופרידנהייט גאראנטירט
רופט: **845-587-0531**

## SHIMMY'S CAR SERVICE

Local and long distance trips and messenger service
Steady trips available
Available 24/6
Day camp transportation available
male and female driver available
Day camp transportation available
Local trips starting at $6
Accounts welcome
**914-281-4823**

## JOB OPPORTUNITY

Post-Construction Cleaning Sales Rep (Draw Base Salary)
Massive earning opportunity for a driven closer to pitch developers and general contractors.
Apply now
**845-376-2600**
**or email kg@triplemny.com!**

## PLUMBING

For all your plumbing and appliance repair needs
**845-232-1843**

## SPLIT UNITS

Ac split units for $1800
Serving Monsey and Catskills
Please call or text:
**845-475-6123**

## FUNDRAISER

LOOKING TO HIRE A FUNDRAISER
for Kollel/Heichal Horaah
We pay you to learn (Paid training)
Contact:
**dvarmishpot@gmail.com**
**+1929-202-4174**

## SK APPLIANCE REPAIR

Get your appliance repaired with ease!
•Washer •Dryer
•Refrigerator •Gas range
**Call: 845-320-2352.**
שמשי קארנבלי

## ABA

מיר סערווירן אייך מיט אלע
Aba געברויכן שנעלע און
גרינגע אפראוועל
**914-772-3638**

## JOB OPPORTUNITY

Facility Maintenance company seeking a cleaning manager. Includes night hours. Previous cleaning experience required along with communicating with Spanish speaking employees.
**Email: kg@triplemny.com**
**845-232-1126**




## HANDYMAN

Handyman Services
Repairs • Installations •
Assembly • Maintenance
Reliable service for your home/ Business
**Call/Text Yossi:**
**845-548-9758**

## MENLAMED OPPORTUNITY

Out of town community (6 hours by plane) is looking for a menlamed in a heimishe mosed, must move there minimum 6 years, Great pay
For serious inquiries only
**Call: 917-543-3845**
and leave msg

## PRINCIPAL

עס ווערט געזוכט א principal פאר
ענגליש לימודים גוט באצאלט
פאר די פאסיגע קאנדידאט
ביטע שיקט אן אימעיל צו
monseyschooljoboffer@gmail.com

## PLUMBING/APPLIANCES INSTALLATION

**House calls plumbing**
**845-274-4283**


צו אדווערטייזן אדער מעלדן אייער שמחה רופט: 845.425.4300

## HELP APPLYING FOR SNAP?

Need help applying/ recertifying for snap? Submit a change to your case? We submit and take care of all your snap needs.
We also do NYSERDA APPLICATIONS
We can be reached at
**hl.communitycare@gmail.com**
**(845) 587-1313**

## השבת אבדה

געטראפן א ברעיסליט אין די stephens - herrick געגענט
אויב פארלוירן
**ביטע רופט: 347-782-2506**

## JOB OPPORTUNITY

Amazing Job Opportunity
Join the rising stars team, full time positions available.
Exciting office environment and great pay!
Graduates are welcome.
Email your resume to
**HIRING@RISINGSTARSNY.COM**

## GREAT BONUS OFFER

Open a new credit card and earn 75,000 points, worth about $900.
**Card Wise**
**347-986-8144**

## YOUR AD HERE

**For just $10/Day or $48/Week**
**845-425-4300**
**Ads@monseyluach.com**

MISC

## NEUROFEEDBACK

It's the summer already !!!
Do you want to be ready for the new year ?
Start your new year with a clear mind and focus with confidence .
Try neurofeedback it works !
**For more info call 419-750-4046**
ADD, ADHD, Anger Management, Anxiety, panic attacks, Phobias, tinnitus, Phobias, OCD, Lyme.

## TRANSIT FOR SALE

2018 Ford Transit for sale - 97K miles, medium roof, 15 seats, remote starter, power sliding door.
Please call
**917-565-2764.**

## USPS FOREVER STAMPS

**Inspected and tested by USPS**
**$40 per 100 (Min. 300)**
**Reach out for discounted prices on larger quantities.**
**Email: greatdeals4cheap1@gmail.com**
**SMS, or LV MSG: 718-594-8502**
**FREE SHIPPING! WE PRICE MATCH! WE ACCEPT CC!**

## השבת אבדה

געטראפן א טייערע זייגער פארגאנגענע פורים אויף
Dana Rd.
845-425-2031

## WAREHOUSE PARTNERSHIP

64K SF warehouse in NJ — 1.5 hours from Brooklyn/Monsey, 1 hour from Lakewood.
49% occupied. Looking for someone to occupy the remaining space and become a partner, or possible purchase of the entire warehouse. Seller financing available.
**Text or call 646-484-9048.**

## השבת אבדה

געטראפן א ווינדערקינד(קאסעטע
פין אדר ב' תשפ"ד יארו1 קאסעטע
8 נעבן די Playground פין ת"ת
Elyon rd.ווידזשניץ
**845-745-7420**


# $7 Hire A Full–Time Remote Employee For $7 An Hour

That's a full time Overseas Employee for **$280 a week**

Loved by: **1000+** Satisfied clients

- ✓ Customer Service
- ✓ Bookkeeping
- ✓ Data Entry
- ✓ Architecture
- ✓ Property Management
- ✓ Amazon Assistance
- ✓ Collections
- ✓ Real Estate

No hidden fees. No lock-in contracts.

**HIRING4LESS™ 848.986.6055 | HIRING4LESS.COM**

### MONTICELLO

3 בעדרום הויז אין מאנטיסעלא
מיט א גרויסע פארטש אין די
היימישע געגענט נעבן א ביהמ"ד
צו פארדינגען פאר שבתים
845-671-6775

### זוכסט א שרייבער?

## רופט/טעקסט
## 845-290-2704

רעקלאמעס – בראשורן – אפהאנדלונגען
– אא"וו

### מלמד פרטי

א מלמד פרטי מיט אסאך יארן
ערפארונג איז גרייט צו לערנען מיט
אייער אינגל
רופט שוין: **914-299-1305**

### CHESTNUT RIDGE

1 bedroom walk in furnished apt.
**848-223-2034**

### 24 HOUR SECRETARY

Never miss a customer call!
Get a 24 hour secretary that answers calls, handles questions & books appointments.
Just $249/month.
**Call or text: 347-751-5402**

### אספקלריא

הגאון הגדול רבי הערשל ווייס שליט"א
גאב"ד הר נוף: " כל ישראל ערבים זה
לזה" האט דער אייבערשטער כורת
ברית געווען אין ערבות מואב!!!
רופט אספקלריא 18459994949 דריקט
8,0,6

### BORO PARK - SHORT TERM

13/38 Sapphire Suites New Multiple Luxury Apartments, Hotel large suite style, near major halls, family oriented, verity of option 1 person to a full family, large porches, WIFI, fully equipped, **718-853-3296**

### FURNITURE FOR SALE

Used china closet and bedroom set for very good price
**845-323-1985**

### השבת אבדה

We found an expensive diamond bracelet in Monsey, NY area near 7 eleven and Pita land.
**845-426-5710**

### MONSEY

Beautiful big house in the Monsey area for rent from June 25th - July 20th
For more info please call:
**718-753-7400**

### POOL FOR RENT

Beautiful clean pool for rent in Dexter park near children's park $75/hour
**347-423-6627**

### ספר תורה להשכרה

ספר תורה להשכרה
לשבת לקיץ או לחודש
אנחנו קונים, מוכרים,
ומתקנים ס"ת ישנים
**347-786-4422**

### LINDEN

Shabbos getaway
Or Short term rental in linden
Multiple options
Please call or text:
**201-793-3165**




### BUYING MILES

Buying Large Chase rewards, United Miles, and Amex Points, etc. SAME DAY PAYMENT
**Call/Text: 412-689-2516**
**E: Getmoney4miles@gmail.com**

### POOL/SAUNA/HOUSE

9 BR house with pool, modern sauna, & jacuzzi avail to rent for short term.
Also private pool rental avail.
**845-499-7445**

### BLOOMINGBURG

א הערליכע הויז אויף א הערליכע גאס,
Gated yard,
נאנט צו שול און מקוה, צו פארדינגען פאר
Short term rental און שבתים
718-935-1716
646-745-5042

### השבת אבדה

געטראפן א bracelet ביי
א חתונה זונטאג שלח
ביטע רופט:
845-521-2422

### HOUSE IN MONTICELLO

10 bdrm house in Monticello available to rent all year round. Large dining room, extra spacious living room, walking distance to shul, minyan, mikvah and grocery/Mountain Mall + outdoor hot tub!
Call/Text: **845-513-6636**
or Email: **mountainsvp@gmail.com**

## Your ad here
## 845-425-4300
## Ads@monseyluach.com

### LEASING DEALS

זוכסט איר צו ליעסן א נייע
קאר?
פאר די בעסטע דיעלס
רופט 845-828-1944


MALBISH
artistic.group
כאפפפצעם
אויפן 59?
SALE!
זוממ ער
entire store
10%
OFF
all Enód
15%
OFF!
845.666.4903 » orders@malbish.us » 58 Rt. 59 HRS: 12-7 SUN: 12-6:30 WED: 12-10 EREV SHABBOS: 11-1